# הילפסמיטלען פאר ניו יארק סיטי אימיגראנטן.



קיינער זאל זיך נישט שפירן אומזיכער אדער באדראעט צוליב זייער רעליגיע, ראסע, קולטור אידענטיטעט, געשלעכטליכע אריענטאציע אדער לאנד פון אפשטאם. די ניו יארק סיטי רעגירונג שטיצט אלע איינוואוינער, און רוב סיטי סערוויסעס זענען אוועילעבל פאר יעדן, אריינגערעכנט אומדאקומענטירטע אימיגראנטן.

סיטי איינגעשטעלטע וועלן נישט פרעגן איבער אייער אימיגראציע סטאטוס סיידן עס איז נויטיג צו טון זייערע ארבעט. אויב זיי בעטן אייך פאר אייער אימיגראציע סטאטוס, וועט אייער אינפארמאציע אויך ווערן געהאלטן געהיים.

אט זענען עטליכע סערוויסעס צו וואס ניו יארק סיטי אימיגראנטן קענען צוקומען. רופט **311** געוואר צו ווערן מער.

## באשיצונג פון דיסקרימינאציע

- איר האט א רעכט צו לעבן פריי פון אומגעזעצליכע דיסקרימינאציע, נקמה און סעקירונג אינעם ארבעטספלאץ, האוזינג און עפנטליכע ערטער. די ניו יארק סיטי קאמיסיע אויף מענטשליכע רעכטן (New York City Commission on Human Rights) קעמפט יעדן טאג צו באשיצן ניו יארקער פון דיסקרימינאציע און סעקירונג. אויב איר גלויבט אז איר זענט באטראפן געווארן פון דיסקרימינאציע, רופט **718-772-3131**.

## IDNYC

- IDNYC איז די סיטי'ס אידענטיפיקאציע קארטל. די IDNYC פראגראם זאמלט נישט קיין אינפארמאציע איבער אימיגראציע סטאטוס און אלע אינפארמאציע ווערט געהאלטן געהיים.

## עדיוקעישאן

- אלע ניו יארקער האבן דעם רעכט צו גיין אין פובליק שולע פונעם עלטער פון 5 יאר ביזן גראדואציע, אדער ביזן ענדע פונעם שולע יאר ווען זיי ווערן 21. קינדער וועלכע זענען 4 יאר אלט אדער ווערן 4 דורכאויס דעם שולע יאר זענען בארעכטיגט צו אומזיסטע פרי-K. שטיצע איז אוועילעבל פאר ענגלישע שפראך לערנערס.

## העלט קעיר

- נידריג קאסט עמערדזשענסי און נישט-עמערדזשענסי העלט קעיר איז אוועילעבל פאר אלע ניו יארקער ביי פובליק שפיטעלער און קליניקס. ניו יארק סיטי העלט דעפארטמענט (New York City Health Department) קליניקס שטעלן צו ביליגע ביז אומזיסטע אימיוניזאציע און געשלעכטליכע געזונטהייט סערוויסעס, און אומזיסטע טובערקולאזיס סערוויסעס. רופט 311 פאר מער אינפארמאציע.
- NYC Well קען אייך פארבינדן מיט אומזיסטע, געהיימע מענטל העלט קעיר. סערוויסעס זענען אוועילעבל 24/7, אין איבער 200 שפראכן. רופט **1-888-692-9355**, טעקסטWELL צו **65173**, אדער באזוכט **nyc.gov/nycwell**.

## טשיילד קעיר

- נידריג אינקאם פאמיליעס מיט קינדער אין עלטער פון 6 וואכן ביז 12 יאר קענען באקומען אומזיסטע אדער ביליגע טשיילד קעיר.

## עמערדזשענסי עסנווארג און שעלטער

- זופ קיכן און עסן פענטריס דורכאויס די סיטי שטעלן צו אומזיסטע עסנווארג פאר נויטבאדערפטיגע מענטשן.
- די HomeBase פראגראם קען העלפן איינוואוינער פארמיידן אריינצוגיין אינעם שעלטער סיסטעם דורכן צושטעלן הילפסמיטלען אזוי ווי דזשאב טרענירונג, טשיילד קעיר און אנטי-עוויקשאן לעגאלע סערוויסעס.

## פובליק זיכערהייט

- די סיטי פירט נישט אויס קיין אימיגראציע ענפארסירונג. די ניו יארק סיטי פאליס דעפארטמענט (New York City Police Department, NYPD) פרעגט נישט איבער די אימיגראציע סטאטוס פון קרימינאלע באטראפענע, עדות אדער סיי ווער עס בעט הילף.
- אויב איר גלויבט אז איר זענט באטראפן געווארן פון א האסן פאברעכן, רופט די NYPD האסן פאברעכן טעסק פארס (NYPD Hate Crimes Task Force) אויף **646-610-5267**.

## אימיגראציע לעגאלע הילף

- רופט ActionNYC אויף **1-800-354-0365** פאר אומזיסטע און געהיימע אימיגראציע לעגאלע הילף. זייט געווארנט פון אומגעלייסענסטע אימיגראציע סערוויס פראוויידערס וועלכע נוצן אויס זייערע קונדן. נעמט הילף נאר פון א צוטרויבארער, לייסענסד אדוואקאט אדער אקרעדיטעד פארטרעטער. אויב האט איר פראגעס, רופט די נייע אמעריקאנער האטליין (New Americans Hotline) אויף **1-800-566-7636**, מאנטאג ביז פרייטאג צווישן 9 אינדערפרי און 8 אווענט.

איר האט דעם רעכט צו באקומען סערוויסעס אין אייער שפראך.
די סערוויסעס זענען אומזיסט ביי אלע ניו יארק סיטי רעגירונגס אפיסעס און קליניקס.

NYC Health